נומער 56.3

## ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו   א ר ד ע ר

**פארלענגערנדיג די דעקלעראציע איבער א דיזעסטער עמערדזשענסי אין די קאונטיס אָוו בראנקס, ניו יארק און דערנעבנדע קאונטיס צוליב מאנגלען אין העלטקעיר איינגעשטעלטע אין די סטעיט אָוו ניו יארק**

אזוי ווי, א סטרייק פון נורסינג איינגעשטעלטע אין בראנקס און ניו יארק קאונטיס האט פאראורזאכט עטליכע שפיטעלער אין די סטעיט צו ליידן פון ערנסטע שטאב מאנגלען, אפעקטירנדיג די עוועילעביליטי און צושטעלונג פון קעיר, באדראענדיג פובליק געזונטהייט און זיכערהייט און די מעגליכקייט צו צושטעלן קריטישע קעיר, אריינרעכענענדיג פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין א צייט ווען אטעמען-רער ווירוסן בלייבן ברייט-פארשפרייט;

אזוי ווי, צו באשיצן פובליק געזונטהייט און זיכערהייט, האב איך אויף יאנואר 9, 2026, ארויסגעשטעלט עקזעקיוטיוו ארדער 56 דעקלערנדיג א סטעיט דיזעסטער עמערדשענסי אין די קאונטיס אָוו בראנקס, נעסאו, ניו יארק און דערנעבנדע קאונטיס;

אזוי ווי, די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען פון עקזעקיוטיוו ארדער 56 זענען א צייטווייליגע מיטל צו פארזיכערן די אנהאלטנדע צושטעלונג פון קעיר און פאציענט זיכערהייט, און זענען נישט געאייגנט צו ארויסהעלפן סיי וועלכע צד אין די געמיינזאמע פאַרהאנדלונגען; און

יעצט, דערפאר, טו איך, KATHY HOCHUL (קעטי האקול), די גאווערנער פון די סטעיט אָוו ניו יארק, מיט די כח פון די אויטאריטעט געגעבן פאר מיר דורך די קאנסטיטוציע און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ (Executive Law), דערמיט אנערקענען אן אנגייענדע נויט פאר א דיזעסטער עמערדזשענסי ארדער אין בראנקס און ניו יארק קאונטיס, און איך טו דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי עס איז אוועקגעשטעלט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער נומער 56, און איך טו פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער נומער 56 ווי נוגע צו בראנקס, ניו יארק און דערנעבנדע קאונטיס ביז און אריינרעכענענדיג פעברואר 4, 2026.

ג ע ג ע ב ן   אונטער מיין האנט און די געהיימע זיגל פון די סטעיט אין די סיטי אָוו אלבאני אום דעם 2'טן טאג פון פעברואר אין דעם יאר צוויי טויזנט זעקס און צוואנציג.

דורך די גאווערנער

סעקרעטארשע צו די גאווערנער